**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/10/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער האקול מוטיגט ניו יארקער צו נעמען זיכערהייט שריט צו פאר די ווינטער שטורעם**

***לעיק עפעקט שניי איז ערווארטעט צו באטרעפן געגנטער מזרח פון לעיקס עריע און אנטאריא פון מיטוואך ביז פרייטאג; ביז צוויי פון שניי אדער מער מעגליך מיט שפיץ שניי ראטעס פון צוויי ביז דריי אינטשעס א שעה; שטארקע ווינטן פון 30-45 מייל פער שעה קען ברענגען ווייטאוט אומשטענדן***

***שטארקע ווינטן, שווערע רעגן און ים-ברעג פארפלייצונג קען ברענגען געפארפולע רייזע אומשטענדן און צו פארלירן פאוער דאונסטעיט***

***סטעיט אגענטורן קוקן נאך שטורעם און זענען צוגעגרייט צו העלפן מיט געצייג און איינגעשטעלטע***

גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמוטיגט ניו יארקערס צו זיין געווארנט ווען א גרויסע ווינטער שטורעם סיסטעם איז ערווארטעט צו ברענגען לעיק עפעקט שניי, שטארקע ווינטן און שטורעמס צו ניו יארק. לייכטע רעגן דינסטאג וועט אריבערגיין צו שווערע רעגן מיטוואך מיט נאסע שניי אנפאנגענדיג זיך מיטוואך נאכט מיט די פאטענציאל צו ברענגען פארפלייצונג לענגאויס מזרח ניו יארק. שטורעמס און שטארקע ווינטן קענען ברענגען שאדן דאונסטעיט. פון מיטוואך ביז פרייטאג קענען געגנטער מזרח פון לעיקס עריע און אנטאריא זען צוויי ביז דריי פיס פון שניי ווען א לעיק עפעקט שניי געשעעניש פאנגט אן צו ברענגען שטארקע ווינטן פון 30-45 מייל פער שעה וואס קען ברענגען ווייטאוט אומשטענדן צו באטרעפן רייזע וועגן.

"ווען די באדייטנדע ווינטער שטורעם דערנענטערט זיך, מוטיג איך אלע ניו יארקערס צו זיין וואכזאם און נעמען די נויטיגע מאסנאמען צו בלייבן פארזיכערט," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אונזערע סטעיט אגענטורן קוקן נאך די אומשטענדן און ארבעטן צו פארזיכערן אז רעסאורסעס זענען אין פלאץ גרייט צו העלפן וואו זיי זענען די מערסטע נויטיג. ביטע קוקט ווייטער נאך אייער לאקאלע פאראויסשאצונג און פריאריטיזירט אייער זיכערהייט און די פון אייער באליבטע."

דאונסטעיט געגנטער וועלן זען רעגן אנגעפאנגען פון דינסאג אוונט מיט שטארקע ווינטן וואס וועלן אריינקומען מיטוואך נאכמיטאג דורכאויס דאנערשטאג. שטארקע ווינטן, שווערע רעגן און ים-ברעג פארפלייצונג קען ברענגען געפארפולע רייזע אומשטענדן און צו פארלירן פאוער. ים ברעג פארפלייצונג קען פאסירן און נישט פארזיכערטע זאכן קענען ווערן אוועקגעבלאזן.

די סאוטערן טיער, צענטראל ניו יארק, מאהאווק וועלי און נארט קאונטרי ראיאנען קענען זען הויכע שניי ראטעס מיטוואך אוונט. שווערע, נאסע שניי קען צוברענגען פאוער אונטערברעכונגען און שוואכע זעבארקייט דורכאויס די אוונט רייזעס.

לעיק עפעקט שניי וועט באטרעפן געגנטער מזרח פון לעיקס עריע און אנטאריע מיטוואך נאכמיטאג דורכאויס פרייטאג נאכט, מיט איינס ביז צוויי פיס ערווארטעט אין די בופאלא און וואטערטאון געגנטער. שטארקע ווינטן וועלן באווירקן די מיטוואך אוונט רייזעס און ביידע רייזע צייטן דאנערשטאג אבער וועט זיך בארואיגן פרייטאג.

עטליכע וואטשעס און ווארנונגען זענען אין עפעקט פאר א גרויס טייל פונעם סטעיט. פאר א פולע ליסטע פון וועטער ווארענונגען, באזוכט דעם נאציאנאלען וועטער סערוויס וועבזייטל אויף alerts.weather.gov. ניו יארקער ווערן אויך געמוטיגט זיך צו איינשרייבן צו באקומען עמערדזשענסי אלערטס דורך זיך איינשרייבן פאר NY Alert אויף alert.ny.gov, אן אומזיסטע סערוויס וואס שיקט קריטישע עמערדזשענסי אינפארמאציע צו אייער סעלפאון אדער קאמפיוטער.

**<u>אגענטור אקטיוויטעטן</u>**

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (New York State Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES)**
די דיוויזיע'ס אפיס פון עמערדזשענסי (Office of Emergency Management) פארוואלטונג שטייען אין פארבינדונג מיט לאקאלע אינסטאנצן און זענען גרייט צו ערמעגליכן פארלאנגען פאר הילף. סטעיטס אנגעזאמעלטע פראדוקטן זענען איינגעשטעלט און גרייט ארויסצוגעבן עמערדשענסי אנטווארט און צוגעהערן לויטן באדערפעניש. די סטעיט וואטש צענטער קוקט נאנט נאך די שטורעם טרעק און די ווירקונגען וואס קען האבן לענגויס די סטעיט.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט ( New York State Department of Transportation)**
די סטעיט אפטיילונג פון טראנספארטאציע (Department of Transportation) קוקט נאך וועטער צושטאנדן און איז גרייט צו רעאגירן מיט 3,527 אויפזעער און אפערירער אוועילעבל איבער די סטעיט. אלע פעלד שטאב מיטגלידער זענען גרייט ארייננצושפרינגען און רעאגירן. שטאב קענען אויסגעשטעלט ווערן אין סיי וועלכע סארט אפרוף מאנשאפט לויט ווי עס נויטיגט זיך (שארן שניי, צושטיקלען ביימער, לאדענען און שלעפן, אפשניידן און אוועקרוקן בוימער א.א.וו.). אלע אוועילעבל אפרוף געצייג איז גרייט צו נוצן און אלע שטובער אין אפעקטירטע געגנטער וועלן בלייבן מיט מאנשאפט גרייט פאר אפעראציעס 24/7 מיט אפערעיטארס, סופערווייזערס, און מעכאניקערס דורכאויס די גאנצע געשעעניש, און פריאריטעט רייניגונג אפעראציעס.
די צאלן פון עקוויפמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 1,626 גרויסע שארער טראקס
- 338 גרויסע לאודערס
- 151 מיטעלמעסיגע שארער טראקס
- 52 שלעפער שארערס
- 35 שניי בלאזערס
- 20 גרעידערס

די נויט פאר נאך מיטלען וועט ווערן איבערגעשאצט לויט ווי אומשטענדן פארלאנגען דורכאויס די שטורעם.

פאר די ריל-טיים אינפארמאציע, זאלן דרייווער רופן 511 אדער באזוכן ny.org511, ניו יארק סטעיט'ס אפיציעלע טראפיק און רייזע אינפארמאציע מקור.

**Thruway Authority**

די Thruway Authority קוקט נאך די פאראויסשאצונג און איז גרייט צו רעאגירן מיט 692 אפערעיטערס און סופערווייזערס אוועילעבל. די צאלן פון די עקוויפמענט און מיטלען איבערן סטעיט זענען אויסגערעכנט פאלגנד:

- 330 גרויסע און מיטלמעסיגע שארער טראקס
- 10 טאָו שארערס
- 63 גרויסע לאָודער טראקטארס
- 117,000+ טאן פון זאלץ שטייט גרייט

שילדן מיט אנזאג-ענדערונג פעאיגקייטן און סאושעל מידיע (X און פעיסבוק) ווערן געניצט אויף צוווארענען דרייווער איבער וועטער אומשטענדן אויף דער טרו-וועי.

ניי פאר די 2024-2025 שניי און אייז סעזאן, זענען אלע פון די טרו-וועי'ס מער ווי 250 העווי-דוטי שארער טראקס אויסגעשטאטעט מיט גרינע האזארד לייטס, פארשטערקענדיג די געווענליכע געלע האזארד לייטס. גרינע לייטס זענען געמאכט צו פארבעסערן זעהבארקייט און פארבעסערן זיכערהייט דורכאויס ווינטער אפעראציעס, ספעציעל אין וויניג-באלויכטענע צושטאנדן און שווערע וועטער. דרייווערס ווערן דעמאנט אז טרו-וועי שארער טראקס פארן מיט א שנעלקייט פון ארום 35 מייל א שעה - וואס איז אפטמאל וויניגער ווי דער באשטימטע ספיעד לימיט - צו פארזיכערן אז די פארשפרייטע זאלץ בלייבט אין די דרייווינג לעינס און שפרייט זיך נישט ביי די זייטן פון די וועגן. די זיכערסטע פלאץ פאר דרייווערס איז צו דרייוון שטארק אפגעזונדערט פון די שארער-טראקס וואו דער שאסיי איז שוין אפגערוימט און באזאלצן.

די Thruway Authority מוטיגט מאטאריסטן צו דאונלאודען איר טעלעפאן עפּ וואס איז צו באקומען אומזיסט אויף איי-פאָון און ענדראָויד כלים. דער עפּ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקטע עכט-צייטיגע טראפיק אינפארמאציע, לעבעדיגע טראפיק קאמערעס און נאוויגאציע הילף בשעת׳ן זיין אויפ׳ן וועג. רייזנדער קענען זיך אויך איינשרייבן פאר טרענסאלערט אימעילס און נאכפאלגן די טרו-וועי אויף פעיסבוק, X און אינסטעגרעם, אדער באזוכן Thruway וועבזייטל.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פובליק סערוויס (New York State Department of Public Service)**

ניו יארק'ס יוטיליטי פירמעס האבן בערך 5,600 ארבעטער אוועילעבל דורכאויס די סטעיט דורצוכפירן שאדן אפשאצונגען, זיך אפצורופן, פאררעכטן און צוריקברענגען סערוויס לענגאויס ניו יארק סטעיט, ווי נויטיג. דאס רעכנט אריין 50 דרויסנדיגע קאנטראקט ארבעטער פארזיכערט דורך Con Edison און 50 דרויסנדיגע קאנטראקט ארבעטער פארזיכערט דורך Orange & Rockland. אגענטור שטאב מיטגלידער וועלן נאכפאלגן די ארבעט פון יוטיליטי פירמעס דורכאויס די וועטער געשעעניש און פארזיכערן אז יוטיליטי פירמעס שיקן די נויטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע ווערן די מערסטע באטראפן.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**

די סטעיט פאליציי האט אנגעוויזן פאר אלע טרופּערס צו בלייבן וואכזאם, און זיי וועלן ארויסשיקן נאך פאטראלן צו באטראפענע געגנטער ווי נויטיג. אלע פאָר-וויהל דרייוו קארן און טרעקלעך זענען אין דינסט, און אלע ספעציאליסטישע וויהיקלס, ווי יו טי ווי טרעקלעך און סנאָו-מאָובילס, ווערן אוועקגעשטעלט וואו עס וועט מעגליך אויספעהלן און גרייט געמאכט צו ארויסגעשיקט ווערן.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (New York State Department of Environmental Conservation, DEC)**
DEC עמערדזשענסי מענעדזשמענט איינגעשטעלטע, ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשערס, און ראיאנישע שטאב מיטגלידער בלייבן אויפן וואך און זענען פאר צו נאכפאלגן די אנטוויקלנדע סיטואציע און וועטער פארשאצונגען. ארבעטנדיג מיט פארטנער אגענטורן, איז DEC צוגעגרייט צו קאארדינירן ארויסשיקן רעסורן מיט אלע אוועילעבל מיטלען צו געצילטע געגנטער אין בעפארגרייטונג צו מעגליכע אפעקטירונג צוליב שניי און שטארקע ווינטן, אריינגערעכנט סאויערס.

DEC טוט דערמאנענ די וועלכע זענען פאראנטווארטליך פאר אוועקנעמען און אפפירן שניי אויסצופאלגן די בעסטע וועגן צו העלפן פארמיידן פארפלייצונגען און פארמינערן די מעגליכקייט פאר פאלוטענטס ווי זאלץ, זאמד, אוילן, מיסט און אנדער אפפאל אין שניי פון אפעקטירן די וואסער קוואליטעט. אפפירן שניי צו לאקאלע שטראמען און טייכלעך קענען שאפן אייז דאמבעס וועלכע קענען גורם זיין פלייצונגען אין דערנעבנדע ערטער. פובליק און פריוואטע שניי שארער דרייווערס זאלן זיין באוואוסטזיניג איבער די זיכערהייט אנגעלעגנהייטן דורכאויס און נאך ווינטער שטורעמס. נאך אינפארמאציע איז פארעפנטליכט אויף [דיוויזיע פון וואסער טעכנישע און אפעראציאנעלע אנווייזונג סעריעס: אוועקפירן שניי (Division of Water Technical and Operational Guidance Series: Snow Disposal)](https://example.com).

אומפאראויסגעזעענע ווינטער וועטער אין שטורעמס אין די אדיראנדאקס, קעטסקילס און אנדערע בעק-קאונטרי געגנטער, קענען שאפן טוישנדע אומשטענדן. באזוכער זאלן זיין צוגעגרייט מיט צוגעפאסטע קליידונג און געצייג פאר שניי, אייז און קעלט צו פארזיכערן א זיכערע ווינטער ערפארונג. שניי טיפקייטן זענען זייער אנדערש דורכאויס די אדיראנדאקס, ווען די טיפסטע שנייען זענען אויף העכערע הויכקייטן אין די High Peaks ראיאן און אנדערע בערג איבער 3,000 פיס. נידריגע הויכקייטן האבן געמישטע אומשטענדן פון שניי, אייז און סלאש, אריינגערעכנט פיל פון די קעטסקיל בערג וואו עס איז דא די פאטענציאל פאר אייזיגע וועגן אומשטעדן.

אין די צייט וואס אייז פאנגט זיך אן צו פארמען אויף עטליכע וואסערוועגן, ראטן DEC אינדרויסנדיגע ענטוזיאסטישע צו [איבערגיין אייז זיכערהייט אנווייזונגען](https://example.com) איידער ארויסגיין אינדרויסן.

אין צוגאב, זאלן בעק-קאונטרי באזוכער [שפאצירן קלוג](https://example.com) און נאכפאלגן פאסיגע זיכערהייט ריכטליניעס. פלאנירט אויספלוגן זיך רעכענענדיג מיט דעם. אין אן עמערדזשענסי, רופט 911. צו בעטן הילף פון וואלד רעינדזשער, רופט 1-833-NYS-RANGERS.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation)**
ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק באאמטע זענען אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און באטרעפונגען. אפרופונג עקוויפמענט ווערט אנגעפילט מיט גאז, אויספרובירט און צוגעגרייט צו ווערן גענוצט זיך אפצורופן צו די שטורעמס. פארק באזיכער זאלן באזוכן [parks.ny.gov](https://parks.ny.gov), קוקן אויף די אומזיסטע NY State Parks Explorer טעלעפאן עפּ אדער אנרופן זייער לאקאלע פארק אפיס פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער פארק שעה'ן, עפענונגען און פארשליסונגען.

**<u>זיכערהייט עצות</u>**

**רייזע**

עטליכע פון די וויכטיגסטע עצות פאר זיכערע דרייוו׳ען רעכענען אריין:

- פאלגט נאך די פארשאצונגען פאר אייער לאקאלע געגנט און פלעצער וואו איר וועט מעגליך פארן.
- פארמיידט אומוויכטיגע רייזעס.
- אויב איר מוז פארן, מאכט זיכער איר האט די וויכטיגסטע חפצים אין אייער קאר ווי דאכענעס, א שאוועל, פלעשלייט און איבעריגע באטעריעס, נאך ווארעמע קליידונג, א סעט פון טייער-טשעינס, באטערי בּוסטער קעיבלס, הויכע-ענערגיע עסנווארג און ליכטיג געפארבטע סחורה צו ניצן אלס צייכן אז איר נויטיגט זיך אין הילף.
- אויב איר האט א סעלפאן אדער אנדערע קאמיוניקאציע מיטל ווי א טו-וועי ראדיאו אוועילעבל, דאן האלט די באטעריעס גע'טשארדזש'ט און האלט עס מיט אייך ווען איר פארט. אויב איר ווערט געשטראנדעט, וועט איר קענען רופן פאר הילף, אנווייזן פאר אייערע רעטער וואו איר געפינט זיך.
- די פירנדע גורם פון טויטפאל און פארוואונדעטע ווערן דורכאויס ווינטער שטורעמעס איז טראנספארטאציע צוזאמשטויסונגען. בעפאר זיך זעצן הינטער'ן רעדל, מאכט זיכער אז אייער קאַר איז אפגערוימט פון אייז און שניי; קענען גוט זעהן איז גאר וויכטיג צו קענען גוט דרייוון. פלאנירט אייערע סטאַפּס און לאזט איבער גענוג פלאץ צווישן אנדערע קאַרס. זיין עקסטערע באווארנט און געדענקט אז שניי-בערגלעך קענען באהאלטן הינטער זיך קלענערע קינדער. האלט אייביג אייער שנעלקייט צוגעפאסט צו די שאסיי און וועטער אומשטענדן.
- עס איז וויכטיג פאר מאטאריסטן אויף אלע וועגן אנצומערקן אז שארער טראקס פארן מיט א שנעלקייט ביז 35 מייל א שעה, וואס איז אפטמאל וויינִיגער ווי דער באשטימטע ספיעד לימיט.
- אפטמאל אויף אינטערסטעיט הייוועיס, וועלן שארער טראקס אפערירן איינס נעבן צווייטן, צו אפרוימען זיכערערהייט עטליכע לעינס אויף א מאל.
- דרייווערס און פיסגייער זאלן האלטן אין געדאנק אז שארער-טראַק דרייווערס זענען באגרעניצט אין וואס זיי קענען זען, און די גרויסקייט און די שווערע וואג פון די שארער-געצייג קענען מאכן זייער שווער זיך שנעל אוועקצודרייען אדער אפשטעלן. שניי וואס בלאזט פון הינטער'ן שארער טראק קען שטארק רעדוצירן זעעוודיגקייט אדער פאראורזאכן ווייט-אָוט אומשטענדן.
- מאטאריסטן זאלן נישט פרובירן דורכצופארן שארער טראקס אדער נאכפארן צו נאנט. די זיכערסטע פלאץ פאר דרייווערס איז צו דרייוו'ען גוט אפגעזונדערט פון די שארער-טראַקס וואו דער שאסיי איז שוין אפגערוימט און באזאלצן. פרובירט קיינמאל נישט צו באכאפן א שניי שארער בשעת עס ארבעט.

**קורצשלוסן**

- פרעגט אן ביי אייער יוטיליטי פירמע צו הערן די ארטיגע פאררעכטונג סקעדזשוּלס.
- אויב איר פארלירט קראפט, לעשט אויס אדער שאלטערט אויס לייטס און מעבל צו פארמיידן דאס איבערלאדענען די סירקוט ווען עלעקטריציטעט ווערט צוריקגעשטעלט; לאזט איין לייט אנגעצינדן צו זעהן ווען די עלעקטריציטעט איז צוריקגעקומען.
- אויב די הייצונג לעשט זיך אויס דורכאויס א ווינטער שטורעם, האלט זיך ווארעם דורכן פארמאכן סיי וועלכע צימערן וואס איר דארפט נישט.

**צו באריכטן אן עלעקטריציטעט קורצשלוס, רופט:**

- Central Hudson: 800-527-2714
- Con Edison:  800-752-6633
- נעשענעל גריד (National Grid):  800-867-5222
- NYSEG: 800-572-1131
- O&R:  877-434-4100

- PSEG-LI: 800-490-0075
- RG&E: 800-743-1701

**הייצונג זיכערהייט**

נוצט נאר זיכערע מקורות פון אלטערנאטיווע הייצונג ווי א פייערפלעיס, א קליינע גוט אויסגעלופטערטע האלץ אדער קויל אויוון אדער א רוקעווודיגע צימער הייצערס.

ווען איר נוצט אלטערנאטיווע הייצונג מיטלען ווי א פייערפלעיס, א האלץ אויוון א.ד.ג., מאכט אייביג זיכער אז די רויער ווערט גוט אויסגעלופטערט און פאלגט אויס די פאבירצירער'ס אנווייזונגען.
האלט פירהאנגען, האנטוכער און טאפ-האלטערס אוועק פון הייסע אויבערפלאכן.

האט א פייער עקסטינגווישער און סמאָוק דידעקטערס און מאכט זיכער אז זיי ארבעטן.
אויב איר נוצט קעראסין (נאפט) הייצונג אין צוגאב צו אייער רעגלמעסיגע הייצונג אויל, אדער אלץ אן עמערדזשענסי מיטל פאר הייצונג, פאלגט נאך די פאלגנדע זיכערהייט טיפס:

- פאלגט אויס די אנווייזונגען פון די פירמע.
- נוצט נאר די ריכטיגע אויל פאר אייער יוניט.
- פילט אן די אויל נאר אינדרויסן און נאר ווען די יוניט איז אפגעקילט.
- האלט די הייצער צום ווייניגסטנס דריי פיס אוועק פון מעבל און אנדערע אביעקטן וועלכע קענען כאפן פייער.
- ווען איר נוצט די הייצונג, נוצט די אייזענע צודעקן (סעיפגאַרדס) און לופטערט גוט אויס.

פאר מער ווינטער זיכערהייט טיפס, באזוכט [dhses.ny.gov/safety](dhses.ny.gov/safety). פאר אלע נישט-עמערדזשענסי סערוויס געברויכן אין ניו יארק סטעיט בעפאר, דורכאויס אדער נאך א שטורעם, רופט 211 אדער באזוכט [www.211nys.org/](www.211nys.org/).

**איבער די אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) שטעלט צו פירערשאפט, קאארדינאציע און שטיצע צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר- רעאגירן צו, זיך ערהוילן פון און פארמינערן קאטאסטראפעס און אנדערע עמערדזשענסיס. פאר מער אינפארמאציע, פאַלאָוט @NYSDHSES אויף [Facebook](Facebook), [Instagram](Instagram) און [X](X) (וואס פלעגט הייסן Twitter) אדער באזוכט [dhses.ny.gov](dhses.ny.gov).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](זיך ארויסשרייבן)